Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 160 | Łódź, Poniedziałek, 11 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ז׳ תמוז תרצ״ב | № 160

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# בעגייסטערונג פאר די לאזאנער בעשלוסן

## אפלאדיסמענטען און בראוואָ־געשרייען לכבוד פאָן־פאפען

בערלין, 10 (ספ. טעל.)

די דייטשע דעלעגאציע איז היינט צוריקגעקומען פון לאזאן קיין בערלין.

דאָס גרויסע פערזאמעלטע פובליקום אויפ׳ן וואָקזאל האָט אויפגענומען פאָן־פאפען׳ען מיט אפלאָדיסמענטען און בראוואָ־געשרייען.

## פייערליכער קבלת־פנים פאר מאקדאנאלד׳ן אין לאנדאן

לאָנדאָן, 10 (ספ טעל.)

מאקדאָנאלד איז היינט א זייגער דריי פערטעל פיער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן.

ער איז מיט בעגייסטערונג אויפגענומען געוואָרען פון דעם גרויסען עולם, וואָס האָט איהם מקבל־פנים געווען אויפ׳ן וואָגזאל.

איהם האָט אָפגעווארט דער סעקרעטאר פון קעניג, וועלכער האָט איהם גלייך פערבעטען אויף אנ׳אוידיענץ צום קעניג.

מ׳האָט גערופען צו מאקדאָנאלד׳ן 2 דאָקטוירים – זיין לייב־דאָקטאָר און אויגען־דאָקטאָר, וועלכע האָבען איינגעפונען, אז ער איז שטארק אויסגעשעפט, און זיי האָבען פעראָרדענט, אז ער זאָל 48 שעה רוהען.

זיין עקספאָזע און בעריכט וועגען לאָזאן וועט ער, אלזאָ האלטען דינסטאָג אין פארלאמענט.

## אוואציעס פאר הערי׳אָ׳ן

פאריז, 10 (ספ. טעל.)

היינט א פערטעל 6 איז הערי׳אָ אָנגעקומען קיין פאריז.

אין שייכות מיט זיין קומען, וועט מאָרגען פאָרקומען א זיצונג פון קאבינעט־ראט.

אויף דעם וואָקזאל האָט הערי׳אָ׳ן אָגעווארט א ריזיגער המון, וועלכער האָט איהם געמאכט געוואלדיגע אָוואציעס.

## פערלוירען די האפנונג
### אפצוראטעווען דעם „פראמעטע"

פאַריז, 10. (ספ. טעל.)

נעכטען האָט איינער פון דייטשער פער־בראַכט דרויי שעהן אונטער׳ן וואַסער, כדי צו דער־גרייכען צו דעם אונטערגעגאַנגענעם „פראָמעטע", וואו עס געפינען זיך 63 מענשען.

ער האָט געקלאַפט אין דער שיף אָבער קיין ענטפער איז פון דאָרט נישט געקומען.

ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג צו אָפצוראַטעווען די אומגליקליכע מענשען.

## זיי בלייבען אפיקורסים
### די היטלעראוועצעס אנערקענען נישט דעם לאזאנער אפמאך

בערלין, 10. (ספ. טעל.)

די היטלעראָוועצעס, אויף דער אונטערשטיצונג פון וועלכע עס רעכענט דער איצטיגער רעזשים, דראָהען שוין איצטער, אַז זיי וועלען אויפ׳ן לאָזאַנער אָפמאַך נישט איינגייען.

עהערנעכטען האָט געבעל, דער היטלער־אַנפיהרער אין בערלין, הערקלערט, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען זאָגען בכלל אָפּ דאָס רעכט פאַר דער איצטיגער רעגירונג צו אונטערשרייבען אָפמאַכען. די היטלעראָוועצעס — האָט ער געזאָגט — פיהלען זיך נישט געבונדען מיט די חתימות פון די איצטיגע מיניסטאָרען, ווייל זיי רעדען נישט אין נאָמען פון דעם דייטשען פאָלק...

„דאָס, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען האָבען בעוויזען צו דערגרייכען אין משך פון 12 יאָהר, ווילען איצט קאַליע מאַכען די דאָזיגע בורזשואַזע שוואַכלינגען!... נידער מיט זיי!"..

אויך די הוגענבערגער קינדיגען אַן שאַרפע אָפּאָזיציע לגבי דער איצטיגער רעגירונג.

## לאנדאן — קאנאדע
### מארגען ווערט געעפענט א דירעקטע טעלעפאן־פערבינדונג

לאָנדאָן, 10. (ספ. טעל.))

דינסטאָג ווערט געעפענט אַ דירעקטע טעלעפאָן־פערבינדונג צווישען לאָנדאָן און קאַנאַדע.

די טעלעפאָן־פערבינדונג ווערט געעפענט אין שייכות מיט דער נאָהענטער גרויסער בריטישער אימפעריאַל־קאָנפערענץ קאין אָטאַוואַ.


## צו דער בעפעלקערונג אין לאדז!

צוליב דעם, וואָס די פאַשטע־הורטאָווניקעס האָבען זייט פאריגע וואך זיך פעראייניגט און געמאכט א יד־אחת און גלייכצייטיג געהעכערט אונגעהויער די פרייזען מיט 1 זל. אויף א גאנז, און דאָס האָט זיך שוין פאָריגע וואָך אָבגערופען אויף די קעשענעס פון דער אָרימער בעפעלקערונג – האָבען מיר בעשלאָסען, כדי אָבצושטעלען זייערע אפעטיטען – **אלס פראטעסט פון היינט אן נים צו האנדלען אין אונזערע געוועלבער קיין פאשארניע־גענז**

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער בעפעלקערונג מיט דער ביטע אונז צו אונטערשטיצען אין אונזער אקציע און זיך אבהאלטען פון קויפען פאשארניע־גענז.

גלייכצייטיג ווענדען מיר זיך צו אלע סוחרים פון פראווינץ צו ברענגען קיין לאדז גענז, ווייל עס איז דא א גינסטיג אָרט צו פערקויפען.

**די פערוואלטונג**
פון יודישען געפלי געל־הענדלער־פעראיין
אין לאדז, פאמארסקא 17.



## שייטלען

– מיט –
אריזער שרינדען
ווי אויך
פערטיגע שייטלען
ווערען ערשט־קלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט
און אנדולאציע
צו ביליגע פרייזען
ביי **קערש**,
סקווערא ווא 15.


נאך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 63 יאהר, מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער פאטער, שוויגער־פאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער

## נ״ע
# אשר לייב ב״ר אברהם הערש ז״ל שקורניק
## (אינדוסטריעלער)

די לוי׳ קומט פאר היינט, מאנטאג, ז׳ תמוז תרצ״ב, 1 א זייגער נאכמיטאג, פון טרויער־הויז פיעטריקאווער 66, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

4247

טיף געריהרט צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון דעם אומפערגעסליכען

## נ״ע באריס עיטינגאָן
וויצע־פרעזעס פון דער טעקסטיל־אקצ. געז. ג. עיטינגאָן און קאמפ.

דריקען מיר אויס דער פערבליבענער פאמיליע דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

ה. ראטשטיין.

4231

